


# אויסגעלאזטע ארבעטער (EXCLUDED WORKERS) פאנד

**אפדעיטעד סעפטעמבער 2021**

די אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד (Excluded Workers Fund, EWF) שענקט פינאנציעלע הילף פאר ניו יארקער וואס האבן פארלוירן זייער אינקאם בשעת די COVID-19 פאנדעמיק און זענען געווען ארויסגעלאזט פון פארשידענע פעדעראלע פארלייכטערונג פראגראמען, אריינגערכנט ארבעטסלאזיגקייט און אנדערע פאנדעמיק בענעפיטן.

## ווי אזוי געב איך זיך איין?

די אפליקאציע פראצעדור פאר ארבעטערס וואס זוכן צו באקומען געלטער פון די EWF האט זיך אנגעהויבן אויגוסט 2021. זיך איינצושרייבן, באזוכט **ewf.labor.ny.gov**.

איר קענט נוצן א מאביל דעוויס אדער קאמפיוטער צו אריינגעבן אייער אפליקאציע, וואס וועט זיין אוועילעבל אין 13 מיני שפראכן. איינגעבערס ווערן שטארק געמוטיגט זיך צו איינגעבן אנליין. אפליקאציעס וועלן נישט ווערן אנגענומען אויף פאסט.

אויב איר דארפט הילף זיך צו איינגעבן, טוט ניו יארק סטעיט ארבעט צוזאמען מיט געטרויעטע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו צושטעלן די הילף וואס איר דארפט. באזוכט **dol.ny.gov/CBOlist** פאר א גאנצע ליסטע פון געטרויעטע ארגאניזאציעס אדער רופט (877-EWF-4NYS (877-393-4697 איינמאלן דער פראגראם גייט אריין אין קראפט. צו רעדן מיט אן אגענט און טרעפן א לאקאציע נעבן אייך.

**ענגליש – TTY/TTD 800-662-1220.**
**ספאניש – TTY/TTD 877-662-4886.**

## בין איך בארעכטיגט?

צו זיין בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן פון די EWF פראגראם, מוזן אפליקאנטן ווייזן אז זיי:

1. האבן געוואוינט אין New York State איידער מערץ 27, 2020, און וואוינען ווייטער אין ניו יארק סטעיט.
2. זענען נישט בארעכטיגט פאר און האבן נישט באקומען ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אדער סיי וועלכע אנדערע COVID-19 אינקאם פארלייכטערונג, אדער אנדערע ספעציפישע בענעפיטן פון די סטעיט אדער פעדעראלע רעגירונג;
3. האבן פארדינט ווייניגער ווי $26,208 אין די 12 מאנאטן איידער אפריל 2021; **און**
4. האבן פארלוירן כאטש 50% פון וועכנטליכע ארבעט-פארבינדענע פארדינסטן אדער הויזגעזינד אינקאם סיי ווען צווישן פעברואר 23, 2020 און אפריל 1, 2021, צוליב ארבעטסלאזיגקייט אדער טיילווייזע ארבעטסלאזיגקייט צוליב די COVID-19 פאנדעמיק. אדער: זענען געווארן פאראנטווארטליך פאר מערסטנס פון זייער הויזגעזינד אינקאם צוליב א טויט אדער דיסאביליטי פון די הויפט פונעם פאמיליע.

## וואס דארף איך האבן זיך איינצוגעבן?

## נאטיצן:

- הילף צאלונגען געשיקט דורך די גאווערנמענט אין די סומעס פון $600, $1,200 אדער $1,400 טוט נישט אפעקטירן בארעכטיגקייט פאר די אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד.
- אויב די דאטום פון די איינקונפט פארלוסט איז אומבאוואוסט, אפליקאנטן קענען אפשאצן בערך די ערשטע טאג וואס זיי האבן אנגעהויבן ליידן פון פאנדעמיע- פארבינדענע איינקונפט פארלוסטן. אפליקאנטן וועמענ'ס ערשטע טאג פון איינקונפט פארלוסט איז געווען בערך צווישן פעברואר 23, 2020 און מערץ 27, 2020 מעג אנדייטן אויף מערץ 27, 2020 פאר די צוועקן פון די אפליקאציע.

אפליקאנטן זאלן אנפאנגען זאמלען די פאלגנדע דאקומענטן, וועלכע קענען ווערן גענוצט צו איפווייזן אידענטיטעט, וואוינארט, און ארבעט-פארבינדענע בארעכטיגקייט.

ביטע באמערקט: אפליקאנטן קענען אריינגעבן די זעלבע דאקומענטן צו איפווייזן אידענטיטעט און וואוינארט. כאטש איינע פון די דאקומענטן צו איפווייזן איידענטיטעט און/אדער וואוינארט מוז אריינרעכענען די אפליקאנט'ס בילד און איין מוז אריינרעכענען די אפליקאנט'ס געבורטס טאג. אלע דאקומענטן וואס ווערן אריינגעגעבן מוזן זיין:

- סערטיפייד דורך דער ארויסגעבונג אגענטור
- נישט אויסגעלאפן (סיידן אויב אנדערש געשריבן אונטן)
- אין ענגליש, אדער באגלייט דורך א סערטיפייד ענגליש שפראך איבערזעצונג
- נישט געטוישט אדער געשעדיגט.

## ווי אזוי ווייז איך אויף מיין אידענטיטעט?

אפליקאנטן מוזן צושטעלן איין אדער מער פון די פאלגנדע דאקומענטן. יעדע דאקומענט האט א פונקט ווערד און יעדע אפליקאנט מוז האבן 4 פונקטן אדער מער. אלע איבערנדערמאנטע פאדערונגען מוזן ווערן אויסגעפאלגט כדי מען זאל עס באשטעטיגן.

- NYS דרייווער לייסענס (4 פונקטן)
- NYS נאן-דרייווער ID קארטל (4 פונקטן)
- U.S. פאספארט (4 פונקטן)
- IDNYC קארטל (4 פונקטן) - (קארטלעך וואס זענען אויסגעלאפן אין 2020 זענען גילטיג ביז די ענדע פון 2021. קארטלעך וואס לויפן אויס אין 2021 זענען גילטיג דורכאויס די איין-יאר באנייאונג אפשניט נאך די אויסלויף דאטום.)
- אויסלענדישע פאספארט (3 פונקטן)

- NYS לערנער פערמיט ארויסגעגעבן דורך NYS DMV (3 פונקטן)
- U.S. מיליטערישע ID קארטל (3 פונקטן)
- בילד ID קארטל ארויסגעגעבן דורך א לאקאלע רעגירונג אין NYS, NYS רעגירונג אגענטור, אדער די פעדעראלע רעגירונג (3 פונקטן)
- בילד ID קארטל פון א NYS העכערע עדיוקעישאן אינסטיטוציע (3 פונקטן)
- NYS אין-פאציענט בילד ID ארויסגעגעבן דורך די אפיס פון מענטל העלט (2 פונקטן)
- אויסגעלאפענע U.S. אדער אויסלענדישע פאספארט (אויסגעלאפן מיט נישט מער ווי צוויי יאר) (2 פונקטן)
- אויסגעלאפענע אויסלענדישע דרייווערס לייסענס (אויסגעלאפן מיט נישט מער ווי צוויי יאר) (2 פונקטן)
- דאקומענטן ארויסגעגעבן דורך U.S. בירגערשאפט און אימיגראציע סערוויסעס (USCIS): אנקומען/אוועקפארן באריכט (I-94) אדער מעלדונג פון שריט (2) (I- 797; I-797A; I- 797D -פונקטן)
- U.S. אינדיווידועלע שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (ITIN) אסיינמענט בריוו (2 פונקטן)
- הייראט סערטיפיקאט (1 פונקט)
- דעווארס דזשאדזשמענט (1 פונקט)
- NYC פארקס און רעקריעישאן מעמבערשיפ קארטל (1 פונקט)
- געבורט סערטיפיקאט ארויסגעגעבן דורך א פרעמדע לאנד (1 פונקט)
- אויסלענדישע בילד ID קארטל (1 פונקט)
- דיפלאמא אדער טראנסקריפט פון א U.S. הויך שולע, קאלעדש, אדער אוניווערסיטעט (1 פונקט)
- נאן- בילד ID קארטל ארויסגעגעבן דורך א לאקאלע רעגירונג אין NYS, NYS רעגירונג אגענטורן, אדער די פעדעראלע רעגירונג (1 פונקטן)
- ארבעטסגעבער בילד ID קארטל (1 פונקט)
- בילד אידענטיפיקאציע קארטל ארויסגעגעבן דורך א צדקה ארגאניזאציע רעגיסטרירט מיט דער טשעריטיס ביורא פון דער ניו יארק סטעיט אפיס פון די אטורני דזשענערעל פארבינדן מיט בארעכטיגקייט פאר סערוויסעס אדער אנטיילנעמונג אין די פראגראמען, ארויסגעגעבן אין די איינפאכע פארנעם און פאר וואס בארעכטיגקייט איז באשטימט געווארן איידער אפריל 19, 2021 (1 פונקט)
- שריפטליכע ארבעט פארשלאג, פעי סטאבס, אדער מעלדונג פון באצאלונג פון אן ארבעטסגעבער (1 פונקט)

## ווי אזוי ווייז איך אויף מיין וואוינארט?

אפליקאנטן מוזן צושטעלן איין אדער מער פון די פאלגנדע דאקומענטן, יעדע ווייזנדיג זייער נאמען און אדרעס אין ניו יארק סטעיט. דאקומענט(ן) מוזן אויפווייזן באוווייז פון וואוינארט איידער מערץ 27, 2020 ווי אויך יעצטיגע וואוינארט. אפליקאנטן קענען דארפן אריינגעבן עטליכע דאקומענטן כדי צו אויספאלגן די פאדערונג. אויסער די ערשטע פינעף דאקומענטן אויסגערעכנט אונטן, מוזן דאקומענטן וואס ווייזן באוווייז פונעם יעצטיגע וואוינארט זיין דאטירט פון נישט פריער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021. אלע איבנדערמאנטע פאדערונגען מוזן ווערן אויסגעפאלגט.

- NYS דרייווער לייסענס (מעג זיין באשטעטיגט מער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021 צו פעסטשטעלן יעצטיגע וואוינארט.)
- NYS נאן-דרייווער ID קארטל (מעג זיין באשטעטיגט מער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021 צו פעסטשטעלן יעצטיגע וואוינארט.)
- IDNYC קארטל (מעג זיין באשטעטיגט מער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021 צו פעסטשטעלן יעצטיגע וואוינארט.) קארטלעך וואס זענען אויסגעלאפן אין 2020 זענען גילטיג ביז די ענדע פון 2021. קארטלעך וואס לויפן אויס אין 2021 זענען גילטיג דורכאויס די איין-יאר באנייאונג אפשניט נאך די אויסלויף דאטום.)
- NYS לערנער פערמיט ארויסגעגעבן דורך NYS DMV (מעג זיין באשטעטיגט מער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021 צו פעסטשטעלן יעצטיגע וואוינארט.)
- סטעיט אדער פעדעראלע שטייער פיילינג אדער ריטורן. מיט באוווייז פון פיילינג, אריינגערעכנט אן אי-פיילינג אנערקענונג פון DTF אדער IRS (מעג זיין ארויסגעגעבן מער ווי 30 טעג איידער אפריל 19, 2021 צו פעסטשטעלן יעצטיגע וואוינארט.)
- יוטיליטי ביל (צ.ב. עלעקטריק, גאז, אינטערנעט, קעיבל, וואסער, מיסט/ ריסייקלינג)
- באנק אדער קרעדיט קארטל סטעיטמענט
- בריוו פון NYC האוזינג אויטאריטעט אויסגעשטעלט צום אפליקאנט
- בריוו אויסגעשטעלט צום אפליקאנט פון א היימלאזע שעלטער ווייזנדיג אז די אפליקאנט וואוינט יעצט אין די היימלאזע שעלטער
- א יעצטיגע ליעס, מארגעדזש באצאלונג, אדער פראפערטי שטייער סטעיטמענט
- בריוו אויסגעשטעלט צום אפליקאנט פון א נאן-פראפיט ארגאניזאציע אדער רעליגיעזע אנשטאלט וואס שטעלט צו סערוויסעס צו היימלאזע מענטשן
- פעי סטאב
- ארבעט פארשלאג אדער מעלדונג פון באצאלונג וואס ווייזט אז אן ארבעטסגעבער האט צוגעשטעלט א וואוינארט אין NYS, אריינגערעכנט סעזאנישע וואוינונג
- דערקלערונג, ביל, אדער רעקארד פון א געזונטהייט אנשטאלט אדער אינשורענס פירמע
- דזשורי רופן, געריכט באפעל, אדער אנדערע דאקומענט פון א געריכט הויז אין NYS
- בריוו פון א דאמעסטיק ווייאלענס (DV) רעזידענשל קעיר פראגראם אדער ארגענעזאציע וואס באדינט DV איבערלעבערס
- בריוו פון א צדקה ארגאניזאציע רעגיסטרירט מיט NYS אטורני דזשענערעל וואס האט צוגעשטעלט סערוויסעס צום אפליקאנט אין די איינפאכע פארנעם און פאר וואס בארעכטיגקייט איז באשטימט געווארן איידער אפריל 19, 2021, אויפווייזנדיג די אפליקאנט'ס NYS וואוינארט.
- דאקומענט אויסגעשטעלט צו די אפליקאנט דורך א לאקאלע רעגירונג אין NYS, NYS רעגירונג אגענטור, אדער די פעדעראלע רעגירונג

פאר ארבעט געטון  געווארן אין NYS פאר א צייט אפשניט לענגער ווי 6 וואכן אין די זעקס-מאנאטיגע צייט אפשניט איידער דער דאטום וואס דער אפליקאנט באשטעטיגט אז ער אדער זי איז געווארן בארעכטיגט פאר בענעפיטן (3 פונקטן)

- רעקארד פון געווענליכע דירעקט דעפאזיטס, דעפאזיטס, אדער טראנספערס פון אן ארבעטסגעבער (3 פונקטן)
- ארבעטסגעבער ארויסגעגעבענע ID קארטל (1 פונקט)
- שריפטליכע קאמיוניקאציע פארבינדן מיט דעליווערי באשטעלונג צעטלער, ארבעט אינוואויסעס, פארקויפונג ריסיטעס, אדער אנווייזונגען פון ארבעטסגעבערס (1 פונקט)
- שריפטליכע קאמיוניקאציע, אריינגערעכנט טעקסטס אדער סאושעל מידיע מעסעדזשעס אדער פאסטס, צווישן די אפליקאנט און אן ארבעטסגעבער אדער הייערינג פארטיי ווייזנדיג אן ארבעט פארבינדונג (1 פונקט)
- רעקארד פון געווענליכע קעשינג פון פעי טשעקס אדער טראנספער פון געלטער פון אינקאם אדער פארדינסטן (1 פונקט)
- דאקומענטן ארויסגעגעבן צו די אפליקאנט דורך די אפליקאנט'ס ארבעטסגעבער ווייזנדיג די ארבעטסגעבער'ס פאסט אדרעס, NYS ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אקאונט נומער אדער פעדעראלע עמפלוימענט אידענטיפיקאציע נומער (FEIN) און קאנטאקט אינפארמאציע פון אן ארבעטסגעבער רעפריזענטאטיוו (אריינגערעכנט טעלעפאן נומער) (1 פונקטן)
- ריסיטס אדער באריכטן צייגנדיג אן אנגיינדע רונדע פון רייזע צו און פון אן ארבעטספלאץ, אזוויי טאל באריכטן, פארקינג ריסיטעס, אדער פאבליק טראנספארטאציע באריכטן (1 פונקט)
- בריוו פון א צדקה ארגאניזאציע רעגיסטרירט מיט די NYS אטורני דזשענעראל באשטעטנדיג דער אפליקאנט'ס ארבעט פארגאנגענהייט, באזירט אויף דירעקטע וויסנשאפט אז דער אפליקאנט האט געארבעט פאר דער געפאדערטע צייט, באקומען דורכאויס דער צייט פון אויספירן אינטעיק, אינטערוויו'ס, אדער אנדערע סטאנדארט פראצעדורן פארבינדן מיט דירעקטע ארבעט-פארבינדענע סערוויסעס צום אפליקאנט איידער אפריל 19, 2021 (1 פונקט)

**באמערקונג:** אפליקאנט מוז פעסטשטעלן אז זיי האבן געארבעט און געווארן באצאלט  (קאמפענסאציע) פאר כאטש 15 שעה פער וואך פאר א צייט אפשניט לענגער ווי 6 וואכן אין די 6- חדשים טערמין איידער דעם דאטום וואס זיי באשטעטיגן אז זיי זענען געווארן בארעכטיגט פאר בענעפיטן. אפליקאנט מוז אויך זיין כאטש 18 יאר אלט אין די צייט פון אפליקאציע.

פאר אפליקאנטן וואס פיילן צוליב די טויט אדער דיסאביליטי פון די הויפט פון די הויזגעזינד, מוז אינפארמאציע און דאקומענטן צוגעשטעלט פאר באוויז פון ארבעט בארעכטיגקייט אפשפיגלען די ארבעט פארגאנגענהייט פון די געוועזענע הויפט פון די הויזגעזינד. אידענטיטעט און וואוינארט דאקומענטן, אבער, זאלן נאך אלץ זיין די פון די אפליקאנט. אין צוגאב, מוזן אפליקאנטן צושטעלן:

- טויט סערטיפיקאט פון דער פריערדיגע הויפט פון הויזגעזונד, אריינגערעכנט דער דאטום פון טויט; אדער
- באוויז פון דיסאביליטי פון די פריערדיגע הויפט פון די הויזגעזונד, אריינגערעכנט דער דאטום און נאטור פונעם דיסאביליטי. פאר א פולע ליסטע פון אנגענומענע דאקומענטן זעט טייל 704.2, אפטיילונג (e) פון די רעגולאציעס, וואס געפינט זיך ביי **on.ny.gov/ewfregs**.

## ווי אזוי ווייז איך אויף מיין ארבעט מעגליכקייט?

אפליקאנטן קענען קוואליפיצירן פאר EWF בענעפיטן אין איינס פון צוויי סומעס, געווענדן אויף די אינפארמאציע און דאקומענטן צוגעשטעלט אונטן. יעדע דאקומענט האט א פונקט ווערד.

צו קוואליפיצירן פאר די שטאפל 1 סומע פון $15,600 ( אראפגערעכנט  שטייערן), דארפן אפליקאנטן האבן א מינימום פון 5 פונקטן.

צו קוואליפיצירן פאר די שטאפל 2 סומע פון $3,200 ( אראפגערעכנט  שטייערן), דארפן אפליקאנטן האבן א מינימום פון 3 פונקטן.

אפליקאנטן וואס שטעלן נישט צו איינער פון די 5- פונקט דאקומענטן אונטן מוזן אריינגעבן כאטש איינס פון די 3- פונקט דאקומענטן צו קענען ווערן  באטראכט  אלס בארעכטיגט פאר שטאפל 1. צום ביישפיל, פינעף 1-פונקט דאקומענטן קענען נישט ווערן צאמגעשטעלט פאר שטאפל 1.

**באמערקונג:** יעדע אפליקאנט איז בארעכטיגט נאר פאר איין בענעפיט באצאלונג.

- באוויז פון פיילינג **ניו יארק סטעיט** שטייערן, וואס מוז ענטהאלטן (א) באוויז פון פייל'ן א ניו יארק סטעיט שטייער ריטורן פאר שטייער יארן 2018, 2019, אדער 2020 מיט דער דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ (Department of Taxation and Finance) דורך אריינגעבן אן עלעקטראנישע באשטעטיגונג פון אי-פיילינג, דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ ארויסגעגעבענע "TF אסיינמענט בריוו". אדער א באנק סטעיטמענט,  וואס שפיגלט אפ באצאלונגען צו אדער פון דער דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ; **און** (ב) באוויז פון א גילטיגע US אינדיווידועל שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (ITIN) **אדער** א W-7 אפליקאציע פאר אן ITIN און באוויז פון אריינגעבונג אדער פיילינג (5 פונקטן)
- מינימום פון 6 וואכן פון פעי סטאבס אין די זעקס-מאנאטיגע צייט אפשניט איידער דער דאטום וואס דער אפליקאנט באשטעטיגט אז ער אדער זי איז געווארן בארעכטיגט פאר בענעפיטן (5 פונקטן)

נאטיץ: אפליקאנטן וואס האבן געפיילט א טעקס ריטורן פאר 2018, 2019 אדער 2020 אבער האבן נישט זייער ITN קענען נוצן זייער סאושעל סעקיורירטי צו באשטעטיגן די אינפארמאציע.

- מינימום פון 6 וואכן פון וועידזש סטעיטמענטס פון די זעקס-מאנאטיגע צייט אפשניט איידער דער דאטום וואס דער אפליקאנט באשטעטיגט אז ער אדער זי איז געווארן בארעכטיגט פאר בענעפיטן (5 פונקטן)
- IRS W-2 אדער 1099 פון שטייער יאר 2019 אדער 2020 וואס ווייזן וועידזשעס אדער אינקאם (5 פונקטן)
- וועידזש נאטיץ  פון ארבעטסגעבער וואס דאקומענטירט ארבעט פאר א צייט אפשניט אינערהאלב 6 מאנאטן איידער דער דאטום וואס דער אפליקאנט באשטעטיגט אז ער אדער זי איז געווארן בארעכטיגט פאר בענעפיטן (5 פונקטן)
- בריוו פון אן ארבעטסגעבער ווייזנדיג אפליקאנט'ס דאטומען פון ארבעט און די סיבה פאר'ן פארלוסט פון  איינקופט  (ד.מ. פאנדעמיק פארבינדן) וואס רעכנט אריין: (א) ארבעטסגעבער'ס פאסט אדרעס און אדרעס פון די סייט אין NYS וואו אפליקאנט האט געארבעט **אדער** (ב) אדער די ארבעטסגעבער'ס NYS ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אקאונט נומער **אדער** פעדעראלע עמפלוימענט אידענטיפיקאציע נומער (FEIN) **אדער** קאנטאקט אינפארמאציע (אריינגערעכנט טעלעפאן נומער) פון אן ארבעטסגעבער רעפריזענטאטיוו וואס קען באשטעטיגן די אינהאלט פון די בריוו (5 פונקטן)
- אריינגעגעבענע קלאגע  אנערקענט דורך א לאקאלע, שטאטישע, אדער פעדעראלע אגענטור אדער געריכט לגבי וועידזשעס שולדיג

א "הויפט פון הויזגעזינד" מיינט א מיטגליד פון אייער הויזגעזינד וואס האט צוגעשטעלט כאטש 50% פון די פינאנציעלע שטיצע צום הויזגעזינד און איז געווען כאטש 18 יאר אלט ביים צייט פון טויט אדער ביים צייט פון ווערן דיסייבלד.

## זענען מיינע אפליקאציע מאטריאלן באשיצט?

דאקומענטן וואס מען גיבט אריין צום DOL אלס טייל פון די EWF אפליקאציע, אריינגערעכנט די פון ארבעטסגעבער, זענען נישט קיין פובליק רעקארדס און וועלן גענוצט ווערן בלויז פארן צוועק פון געבן EWF בענעפיטן. דאס ארויסגעבן צו סיי וועלכע אנדערע רעגירונג אגענטורן, אריינגערעכנט די U.S. אימיגראציע קאסטומס ענפארסירונג (ICE), איז שטרענג פארבאטן דורכן געזעץ פאר סיי וועלכן צוועק אויסער פראצעסירן די אפליקאציע. אויסער אויב עס איז אויסדרוקליך אויטאריזירט דורך אן אפליקאנט אדער לעגאל פארלאנגט דאס צו טוען לויט א געזעצליכע געריכט באפעל אדער דזשודישל וואראנט.

## וואס קען איך ערווארטן נאכן אריינגעבן מיין אפליקאציע?

DOL וועט אנהויבן פראצעסירן אייער אפליקאציע. אויב נאך אינפארמאציע אדער פארערכטיגונגען זענען פארלאנגט, וועט DOL אייך שיקן א טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל (לויט אייער אויסגעקליבענע מעטאד פון קאמוניקאציע) מיט א לינק וואס וועט אייך אן זיך צו אריינשרייבן אין אייער אקאונט פאר דעטאלן. איינמאל איר שרייבט זיך אריין, פאלגט אויס די אנווייזונגען צו זעהן וועלכע דאקומענטן דארפן ווערן פאררעכטן אדער ווידער אריינגעגעבן און פארוואס. איר וועט האבן זיבן טעג אויפן לוח צו ענטפערן פונעם דאטום און צייט פונעם אימעיל אדער טעקסט מעלדונג. אויב איר ענטפערט נישט אין דער צוגעשטעלטער צייט, וועט די באשטימונג ווערן געמאכט באזירט אויף די ביז דעמאלטסדיגע אינפארמאציע.

אפליקאנטן זאלן זיכער מאכן צו צוריק אנהייבן זייערע אפליקאציעס אדער ענטפערן פארלאנגען, דורך נוצן די קרעדענטיאלן וואס זיי האבן גענוצט ביים ערשטן מאל וואס זיי האבן געמאכט זייער אפליקאציע. אפליקאנטן זאלן באשטעטיגן אז די זיי האבן נאר איין קלעים איי.די. נומער. עס איז רעקאמענדירט אראפצושרייבן און אוועקלייגן די קרעדענטיאלן און קלעים איי.די. פאר צוקונפטיגע רעפערענסעס. דאפלטע אפליקאציעס קענען אפשטופן די פראסעסינג צייט און ווערן אויטאמאטיש אפגעזאגט.

אפליקאנטן זאלן שטענדיג נאכקוקן זייערע אקאונטס, טעקסט מעסעדזשעס, און אימעילס פאר סיי וועלכע סטאטוס אפדעיטס אדער פארלאנגען פאר נאך אינפארמאציע. טעקסט מעסעדזשעס וועלן ווערן געשיקט פון **(833) 586-1144** (טאל פרי). אימעיל מעלדונגען וועלן ווערן געשיקט פון **EWF@labor.ny.gov**. אפליקאנטן קענען אייך באקומען א טעלעפאן רוף פון אן EWF פארשטייער אויב נאך אינפארמאציע איז פארלאנגט. אין די פעלער, וועלן מיר אייך נאר רופן פון (877)393-4697.

איינמאל א באשלוס ווערט געמאכט, וועט DOL אייך שיקן א טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל אייך לאזן וויסן אויב אייער אפליקאציע איז אנגענומען אדער אפגעזאגט געווארן.

## ווי אזוי און ווען וועלן צאלונגען ווערן ארויסגעגעבן?

אנגענומענע אפליקאנטן וועלן באקומען אן איין-מאליגע באצאלונג אויף א Visa® פאראויס-געצאלטע קארטל געשיקט אויף פאסט צום אדרעס צוגעשטעלט אין זייער אפליקאציע. דער קארטל האט ATM צוטריט און קען ווערן גענוצט סיי וואו א Visa דעביט קארטל ווערט אנגענומען אין די U.S.

פונעם דאטום פון אפליקאציע, טוען פאנד אדמיניסטרעיטערס שאצן אז איבערזוכט און פראצעסירן וועט געדויערן בערך זעקס ביז אכט וואכן. אויב אן אפליקאציע איז נישט גאנץ אדער פארלאנגט נאך אינפארמאציע אדער דאקומענטן קען עס געדויערן לענגער צו פראצעסירן די אפליקאציע. וויבאלד EWF איז א נייע פראגראם און פלוס איז שווער צו אפשאצן, קען די צייט אפשניט זיך טוישן.

Visa פאראויס געצאלטע קארטל ווערט ארויסגעגעבן דורך MetaBank®, N.A., מיטגליד FDIC, אין איינקלאנג מיט א לייסענס פון Visa U.S.A. Inc. קיין אנגייענדע באצאלונגען. קארטל איז גילטיג פאר ביז 12 חדשים, געלטער לויפן נישט אויס און קענען זיין אוועילעבל נאכן אויסלויף דאטום, קאסטן קענען צוקומען טערמינען און באדינגונגען זענען פעליג.

## קען איך אפעלירן מיין באשלוס?

אפליקאנטן וואס ווערן אפגעזאגט אדער שטימען נישט איין מיט זייער באשלוס האבן א רעכט צו אפעלירן. איר וועט באקומען א טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל ווען א באשלוס ווערט געמאכט. צו אפעלירן, שרייבט זיך שוין אריין אין אייער אקאונט און פאלגט אויס די אנווייזונגען. אפליקאנטן האבן 7 טעג צו אויסוועלן די "אפיעל" קנעפל צו אנהויבן אן אפיעל פאר די באשלוס ווערט ענדגילטיג באשטעטיגט. איינמאל איר אפעלירט, וועט פארקומען א גרונטליכע איבערזוכט פון אייער אפליקאציע. איר וועט באקומען א מעלדונג וואס בעט אייך צו צושטעלן נאך אינפארמאציע אדער דאקומענטן איינערהאלב 7 קאלענדער טעג פונעם דאטום פונעם מעלדונג. אויב איר ענטפערט נישט אין דער צוגעשטעלטער צייט, וועט די באשטימונג ווערן געמאכט באזירט אויף די ביז דעמאלטסדיגע אינפארמאציע. איינמאל דער איבערזוכט פראצעס איז פארענדיגט, וועלן מיר אייך שיקן א טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל אייך לאזן וויסן אויב אייער אפיעל איז געווארן אנגענומען אדער אפגעזאגט. אפיעלס קענען נעמען ביז דריי וואכן צו פראצעסירן. עס קען נעמען לענגער אויב נאך אינפארמאציע איז נויטיג.

## ווי לאנג וועט דער פראגראם אנהאלטן?

אפליקאנטן ווערן געמוטיגט זיך איינצוגעבן ווי שנעלער. געלטער פארן פראגראם וועלן זיך אויסנוצן און וועלן ווערן פארטיילט אין די סדר וואס זיי קומען אריין. אפליקאציעס וועלן פראצעסירט אין די סדר וואס זיי קומען אריין. איינמאל געלטער פון די היסטארישע $2.1 ביליאן ווערן פארטיילט, וועט די טיילונג ווערן אפגעשטעלט. אפליקאנטן, קאמיוניטי גרופעס און אדוואקאטן וועלן ווערן געמאלדן איינמאל די אפליקאציעס פראצעס ווערט פארמאכט.

## זייט געווארנט פון שווינדל

איר זאלט זיך נאר איינשרייבן פאר EWF בענעפיטן דורך די אפיציעלע דעפארטמענט אוו לעיבער וועבסייט און זוכן הילף פון פארלעסליכע ארגאניזאציעס.

באזוכט **dol.ny.gov/CBOlist** פאר א ליסטע פון געטרויעטע ארגאניזאציעס אדער רופט(877-393-4697) 877-EWF-4NYS איינמאל דער פראגראם גייט אריין אין קראפט און רעדט מיט אן אגענט צו טרעפן א לאקאציע נעבן אייך.

**ענגליש** – TTY/TTD 800-662-1220
**ספאניש** – TTY/TTD 877-662-4886

אויב א מענטש אדער ארגאניזאציע פרובירט צו בעטן געלט אדער נעמען אייער פערזענליכע אינפארמאציע אייך צו העלפן איינשרייבן, **זאלט איר גארנישט** געבן פאר זיי. איר קענט באריכטן אזעלכע אקטיוויטעטן דורך אריינגעבן א קלאגע צו די ניו יארק אטורני דשענעראל'ס אפיס (**on.ny.gov/agfraud**) אדער דורך רופן די אטורני דזשענעראל'ס האטליין אויף **771-7755 (800)**. פאר הער-קראפט באגרעניצטע: **(800) 788-9898** TDD.

איר וועט באקומען קאמיוניקאציע פון דער דעפארטמענט אוו לעיבער בלויז אויב איר שרייבט זיך איין פאר EWF אפדעיטס אדער געבט זיך איין פאר EWF בענעפיטן. אן אימעיל אדער טעקסט מעסעדזש וועט אייך לאזן וויסן אז אייער אפליקאציע ווערט פראצעסירט.

**זייט געווארנט פון קאמיוניקאציעס וואס קומען נישט פון דעם דעפארטמענט אוו לעיבער.**

## וואס פאסירט אויב איך געב אריין פאלשע אינפארמאציע אין מיין אפליקאציע?

מאכן באוואוסטזיניג א פאלשע דערקלערונג אדער פארשטעלן פאלשע דאקומענטן קען האבן ערנסטע תוצאות. דער וואס פירט אויס דער סארט שווינדל קען ווערן באשולדיגט פון א קלאס E פעלאני אין צוגאב צו דארפן צוריקגעבן אלע באקומענע געלטער

פאר מער אינפארמאציע וועגן די אויסגעשלאסענע ארבעטערס פאנד, גייט צו **dol.ny.gov/EWF**.

**וויכטיגע אינפארמאציע וועגן איבערגעזעצטע דאקומענטן:** אפיציעלע דאקומענטן זענען צוגעשטעלט דא נאר אין ענגליש; דאקומענטן איבערגעזעצט אין סיי וועלכע אנדערע שפראך זענען צוגעשטעלט פאר באקוועמליכקייט און אין איינקלאנג מיט די פאסיגע געזעצן. סיי וועלכע קאנפליקטן, סתירות, טעותים, אדער מעגליכע קאנפליקטן מיט די ענגלישע ווערסיע פון א דאקומענט צוליב שפראך איבערזעצונג וועט נישט געגעבן ווערן סיי וועלכע לעגאלע ווירקונג.